„ראַדאָמער - קעלצער לעבען" מיט דער „פּאַנאָראַמאַ" - נאָר כ״ז גר.

פּרייז 25 גראָשען XV-ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztową uiszczono gotówką" 2 (700) „Radomer-Kielcer Leben" היינט 10 זייטען

Radom, dnia 14-go Stycznia 1938 r.

ראַדאָם, פרייטאָג י״ב שבט תרצ״ח

טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

פאַראַווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A. HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
ושעראָמסקי 1
פיליעס: ושעראָמסקי 21
ושעראָמסקי 59
טראַוגוטסא 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

# זאָל די יודישע בעפעלקערונג וויסען!

מיר יודישע כשר'ע קצבים מאַכען בעקאַנט דער יודישער עפענטליכקייט אין ראַדאָם, אַז מיר האָבען נאָך א גרינדליכער חקירה ודרישה פעסטגעשטעלט אַז דער קאָנצעסיאָנירטער ריטועלער קצב **חיים זילבערבערג** וואָס האָט די יאַטקע אויף טראַוגוטטא נומ. 12 האָט פערקויפט טריפה פלייש, געשאָסענס, פאַר כשר. ווען מיר האָבען זיך דערוויסט און פעסטגעשטעלט די דאָזיגע **מעשה נבלה** האָבען מיר תיכף ומיד זיך געווענדעט צו **הרב קעסטענבערג** און איהם וועגען דעם מודיע געווען, אַז ער זאָל געבען דעם ארויסטרעטען בחומר הדין און אָנווענדען אַלע שריט, כדי נישט צו דערלאָזען צו אַזאַ דעמאָראַליזאַציע און אָבשטעלען דעם דערמאָנטען קצב אין זיין טעטיקייט, אויסקנעמענדיג ביי איהם אַלע רעכט צו פערקויפען ווייטער יודען כשר פלייש.

מיר האָבען דאָס געטוהן קודם כל דערפאַר, ווייל אַזוי האָט דיקטירט אונזער יודיש געוויסען, כדי יודען זאָלען נישט נכשל ווערען אין מאכלות טריפות. אויסער דעם האָבען מיר געפונען פאַר אונזער הייליגען חוב צו פאַרעפענטליכען דעם נאָמען פון דעם דאָזיגען מאכל טריפות, כדי ס'זאָל חלילה נישט פאַלען דער מינדעסטער חשד אויף קיין איינעם פון אונז איבריגע כשר'ע יודישע קצבים, וואָס פיהלען זיך געהעריג די כשרות-פעראַנטוואָרטליכקייט און וואָס זענען נזהר, אַז דאָס פלייש, וואָס מיר פערקויפען די יודישע קאָנסומענטען אַלס כשר, זאָל זיין עכט כשר כדת וכדין.

מיר מאַכען דאָס בעקאַנט דער יודישער בעפעלקערונג און דערביי ווענדען מיר זיך נאָך אמאָהל צו דער יודישער גמינע און צום ועד-הכשרות ווי זאָלען זיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען, ווייל דאָס געהט אריין אין זייער קאָמפעטענץ און ס'איז זייער חיוב אַלס רעליגיעזע יודישע קהלה צו בעקעמפען מיט אַלע ריקזיכטסלאָזע שריט, אויסוואָרצלענדיג דעם יעניגען, וועלכער האָט געהאַט דעם טרויעריגען מוטה אָבצונאַרען יוטר ווייסט ווי לאַנג די יודישע בעפעלקערונג, פערקויפענדיג איהר טריפה פלייש אַלס כשר'ס. דאָס איז אַן אונדערהערטער סקאַנדאַל, וואָס טאָר נישט פערשוויגען ווערען.

**דער יודישער פליישער-צעך איז ראַדאָם.**

*Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. f.*

„Americanka" L. Wajsbrot Rynek 16

מאַכט בעקאַנט דאָס ג פּובליקום, אַז עס איז געעפענט געוואָרען כמון ניי - יאָהר

**א צוקערניע און היגיענישע בעקעריי**

איינגעאָרדענט לויט די לעצטע סאַניטאַרע פאָרשריפטען.

יעדען טאָג פריש און פיין געבעקס צו בילינע פרייזען. פערשידענע געשמאַקע טשאַסטעס פון דער פיינסטער קוואַליטעט צו 15 גר.

ס'איז צו בעקומען שיינע טאָרטען מאַרציפאַנאַזע פון 1.50 אַן אַלץ ווערט אויסגעאַרבייט דורך א פאַכמאַן מיט א לאַנגיעהריקער פראַקטיק. אַלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, בילקעלעך, טשאַכטעס, וואַפלעס, הערבאַטניקעס, טאָרטען, באַקאַלעס דעסעראַטן, לעקעך, פערשידענע קרעמען, מיגדאַלאָווע אַרטיקלען און פרייטאָג חלות — בעקומט מען

אין דער יודישער ציקערניע „אמעריקאַנקא" טראַוגוטא 62

ווי אויך אין דער **היגיענישער צוקערנישע בעקעריי** רינעק 16

און אין געוועלב רינעק 14

עס ווערען אויך אָנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאָנצערטען א.ז.וו.

שאַקאָלאַד פון פערשידענע פירמעס און פרוכטען צו בילינע פרייזען

Zrzeszenie kobiet żyd. „WIZO" w Radomiu,
ul. Witolda 10

דעם 22 סטיציעו ה. י. 9 אָוועגד ווערט איינגעאָרדענט
אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי"

**אַ באַל א. נ. ארץ-ישראל**

ארויסגעצייכענטער אָרקעסטער, רייכער בופעט,
פערשידענע אַטראַקציעס. קיין ספעציעלע באַל-קאָסטיומען פערפליכטען נישט

די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר'ן יודישען אויפבוי אין ארץ ישראל.

ווילט איהר האָבען קלאָרע, וויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

# A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70

Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערציינט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף סריקען — בילינע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיס. טעל 70 - 19
פיליעס: ושעראָמסקי 1, טראַוגוטטא 11
ושעראָמסקי 21, ושעראָמסקי 59

בילינ צו וואַשען קאַפעלושען

KINO APOLLO

שבת 3 נ. מ. און זונטאג 12 און $1^{45}$

UŁAN KS. JÓZEFA

w rol g-ł JADWIGA SMOSARSKA

Od poniedziałku b. m

Świetny polski film

ROBERT i BERTRAND

CZYLI

DWAJ ZŁODZIEJE

w rolach głównych

Bodo, Dymsza, Cwiklinska,

ביז זונטאג דעם 16 איינשליסליך

Książe i Żebrak

(דער פירשט און דער בעטלער)

אין די הויפט ראָל

ערראָלל פליין

און דער צווילינג

בילי און באָבּי

KINO APOLLO

Panu Kierownikowi GOLDSZTAJNOWI i Rodzinie
z powodu zgonu

B. P. **ŻONY i MATKI**

wyrazy głębokiego współczucia
składają

Dyrekcja, Rada Pedagogiczna,
Sekretarjat Gimn. i Liceum
tow. „Przyjaciół Wiedzy"

Rodzinie GOLDSZTAJN z powodu śmierci
ich nieodżałowanej ŻONY i MATKI

B. P. **RYWKI**

wyrazy szczerego współczucia
składa
Dr-ostwo Najfeld.

Panu Kierownikowi GOLDSZTAJNOWI oraz rodzeństwu
z powodu śmierci B. P.

**ŻONY i MATKI**

wyrazy głębokiego współczucia
składają
L. Grosfeldowie

Panu SZAJI GOLDSZTAJNOWI oraz Rodzinie
z powodu przedwczesnej śmierci ŻONY i MATKI

B. P. **Rywki**

wyrazy serdecznego współczucia
wyrażają
Majer Finkielsztajn z Rodziną.

Prof. GOLDSZTAJNÓWNIE
z powodu śmierci MATKI JEJ

P. B. **RYWKI**

najserdeczniejsze współczucie
wyraża
KOMITET RODZICIELSKI
przy szkole Powszech. im Joselewicza
szkoły powsz. № 19

דער חבר. דאָרא גאָלדשטיין

צוליבן טויט פון איהר מוטער

**רבקה** נ. ע.

דריקט אויס דעם טיפסטן מיטגעפיהל

די געזעלשאַפט „עזרה"
אין ראַדאָם.

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA —
DOBRA KAWA

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
— to —
**kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne**
Do nabycia na dogodnych warunkach
**w Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym** Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

# דאס יורידישע ווינקעל

## אונטער דער רעדאַקציע פון אדוו. ד"ר וויינבערג און אפל. פעלדמאַן אין קעלץ

חיכטיגער אורטייל פון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל וועגען שטייערן פון א שותפות הויז.

אויב א הויז געהערט צו עטליכע שותפים שיקט צו דער שטייער-אַמט איין צאָלונג'ס-נאַקאַז פאַר אלע שותפים און מאַכט פעראַנטוואָרטליך אין אויסמאָנען דעם גאַנצען שטייער אלע שותפים און ענזעקווירט געוועהנליך דעם זיכערסטען און רייכסטען, וועלכען ער מאַכט פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם גאַנצען שטייער חען אפילו דער דאָזיגער האָט דעם קלענסטען אַנטייל אין הויז-אייגענטום.

אזוי פראַקטיצירען אלע כמעט שטייער-אַמטען ביים אויסמאָנען דעם הויז-שטייער. אזא האַנדלונג איז געווען נישט קיין יושר'דיגע און דער סיסטעם האָט רואינירט דעם צאָלער. און איבערהויפּט א שותף, וועלכער האָט געהאַט א קליינעם אַנטייל און האָט געהאַט אַנדערע קוועלן פון הכנסה ווי צ. ב. א געשעפט.

דער אורטייל פון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל פון 13 מאַי 1936 האָט אָבער פּוּלשטענדיג געענדערט די ביזאיצטיגע פּראָצעדור און געמאַכט א סוף צו דער ביזאיצטיגער פּראַקטיק.

דער אורטייל לויטעט:

„דאָס געזעץ וועגען הויז-שטייער זעהט נישט פאָר קיין סאָלידאַרע פעראַנטוואָרטליכקייט פון אלע הויז-שותפים פאַר'ן גאַנצען הויז-שטייער, וועלכע קומט פון גאַנצען הויז".

פון דעם דערמאָנטען אורטייל פון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל איז געדרונגען, אַז יעדער שותף פון הויז קען אנגעבען א טיטע איז שטייער-אַמט און זיך באַמיען, אז מ'זאָל איהם צושיקען א צאָלונג'ס-נאַקאַז נאָר אויף זיין פּראָצענט-טייל פון אייגענטום.

דער דאָזיגער אורטייל האָט א זעהר חיכטיגע באַדייטונג פאַר אלע הויזווירטען-שותפים.

## פון רעדאַקציע.

צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ האָבען נישט געקענט אריין אין היינטיגען נומער א רייהע אַנאָנסען, אויפרופען און מעלדונגען.

# בעקאַנטמאַכונג

שבת צו-נאַכט'ס (מוצש"ק) פ' משפטים דעם 29 פעביצען ה. י.

6 אָוונט קומט פאָר

# די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג
## פון דער ראַדאָמער חברה קדישה וחסד של אמת

די פערזאַמלונג איז בעשטימט אין ערשטען טערמין אויף 6 אָוונד און אין צווייטען טערמין 7 אָוונט קומט זי פאָר ביי יעדער צאָהל אַנוועזענדע.

טאָג אָרדנונג: 1) וועהלען א פּאָרזיצענדען 2) בעריכט 3) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און קאַנדידאַטען 4) וועהלען א רעוויזיאָנס-קאָמיסיע 5) פרייע פאָרשלאָגען.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צוקומען אויף דער אלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכער קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל זאַמלינא 3.

די פערוואַלטונג

